בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ג' פ' שלח | י"ב סיון | תשע"א | פסחים: ס"ד

## באריכט:

נעכטן נאכט ארום 11:30 (ניו יארק'ער צייט) איז מרן רבינו שליט"א אנגעקומען אויף דאלאס, טעקסאס ווי עס האבן אפגעווארט די שוחטים ד'קהלתינו הק' וועלכע האבן מקבל פנים געווען דעם רבי'ן שליט"א.
דערנאך איז מען תיכף צוגעפאהרן צום אכסניא אין די הויז וואס איז צוגעשטעלט ספעציעל פאר די שוחטים, ווי מען האט זיך געשטעלט דאווענען מעריב.

היינט פארטאגס האט מען געדאווענט שחרית אין בית השחיטה און דערנאך האט מען אנגעהויבן שחט'ן ווי יעדן טאג, ווי דער רבי שליט"א האט א לענגערע צייט באאובאכטעט די סדר השחיטה, ניקור, בדיקה און מליחה.

אום 7:30 פארנאכטס (ניו יארק) איז דער רבי שליט"א בעזהשי"ת אנגעקומען צוריק קיין לעגווארידע לופט פעלד אין ניו יארק פון דער רבי שליט"א איז תיכף געפאהרן אויף וויליאמסבורג ווי דער רבי שליט"א נעמט אצינד אויף אנשי שלומינו בקודש פנימה.

**ברכת מזל טוב**
מעומק הלב נביע בזה ברכותינו
מאליפות אל פני מע"כ ידידינו האברך
היקר והחשוב העומד לימינינו בכל עת
ועונה, ה"ה

**מו"ה יודל שעהר הי"ו**

לרגל תת ה' שמחה במעונו בהולדת בתו
למזל טוב

ויה"ר שירווה רב נחת דקדושה מכל יו"ח
מתוך הרחבת הדעת במדה גדושה

כעתירת וברכת
***חברי המערכת***

## "בעפאר זוממער" מיטינג אפגעהאלטן אין קרית יואל דורך הנהלת הקרי'

די הנהלת הקרי' און די ווילידש באהערדע אריינגערעכנט די אנפירער פון די פובליק סעיפטי ד'קרית יואל האבן נעכטן פארמיטאג אפגעהאלטן א גאהר דרינגענדע און מוצלח'דיגע אסיפה "בעפאר זוממער" אסיפה מיט די הויכע שטאטישע בעאמטע פון די פאליציי און נאך אפטיילונגען פון אלע ארומיגע געגנטער פון אפסטעיט, ווי מען האט באהאנדלעט די וויכטיגע נושאים וואס איז נוגע די זוממער חדשים ווען דער ציבור וויילט אויף די בערג.

ביי די אסיפה זענען אויך אנוועזנד געווען עסקני קהלתינו הק' פון אלע צענטערן און די פארשטייער פון די סאטמאר'ער קעמפ'ס און קאנטרי'ס פון איבעראל.

༄•༅

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**